## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



שבת הגדול: איהר האָט געהערט, פאניע קורצער פרייטאָג, או מאָרגען ,שבת, וועט היטלער האלטען אַ רעדע אלס ענטפער אויף בלום׳ס רעדע?

קורצער פרייטאָג: וואָס וועט ער זאָגען?

שבת הגדול: ער וועט אזוי זאָגען: „כדי צו פארהיטען פון א וועלט־קריג, בין איך גרייט צו רעזיגנירען פון מאראקא — אויב מ׳וועט מיר געבען אנדערע אפריקאַנ׳ישע קאָלאָניעס.“

---

## ביידע גלויבען אין משיח׳ן?

גאַסט (צום קעלנער) פאַניע אַדאָלפיע, איהר גלויבט אין משיח׳ן?

קעלנער: אידאי גלויב איך, יעדע רגע קען ער קומען.

גאַסט: אויב אַזוי, טאָ גיט מיר שנעלער א גלאָז טיי מיט צוויי קעז־טשאַסטעס.

---

## זיי זענען גערעכט...

לויט ווי די צייטונגען שרייבען, זאָל דער רעדאַקטאָר פון אנטיסעמיטישען בלעטעל „יוטראָ“, שטאַמען פון יודען, אויב דאָס זאָל זיין אמת, זענען שוין די אַנטיסעמיטען אַביסעל גערעכט דער־מיט וואָס זיי יטענה׳ען, או אלדאָסבייז שטאמט פון יודען...

פלוידערזאַק.

---

## נישט זי

בעל־הבית׳טע (רופט די דינסט): סטאַשאַ!! סטאַשאַ!! וואָס זענען עס פאַראַ געוואלדען אין דער קיך?

דינסט: דער בריף־טרעגער האָט מיך געוואָלט קושען.

פרוי: נו, האָסטו געמאַכט אזעלכע געוואַלדען?

דינסט: נישט איך — נאר דער קויהלען־טרעגער.

---

## אוי, דאס פאמיליען־לעבען!...

פאר דער חתונה, זיצט דאָס פּאָרעל און שמו־עסען וועגען זייער צוקונפטיגען פאַמיליען־לעבען, זאָגט זי:

— אז איך וועל זיין דיין ווייב, וועל איך דיר מוזען צערייסען די שקאַרפּעטקעס, און קאָכען פאר דיר...

— און איך וועל דאָס מוזען עסען... — האָט ער מיט א זיפץ געענטפערט.

---

# א קרבן פון דער גריפּע...

## דער דאקטאר זוכט נאך קרבנות

אַ היגער דאָקטאָר איז ארויסגערופען גע־וואָרען 3 ביינאכט צו א היגען פאַבריקאנט, נאָכ׳ן אונטערזוכען, פרעגט דער דאָקטאָר דעם קראנקען:

— אַ צוואה האָט איהר שוין געשריבען?

— ניין — האָט דער קראנקער מיט שרעק גע־ענטפערט — איך בין טאַקע אזוי געפעהרליך?

— שיקט שוין נאך א רעדנט און נאָך אייערע קרובים, פריינד, שוועסטערן און ברידער!!

— פאַניע דאָקטאָרשע, איהר האַלט, אז איך האַלט ביים שטארבען? — האָט דער פאציענט מיט א געבראָכענע שטימע געפרעגט.

ניין, אייך איז גארנישט, איהר האָט א לייכטע גריפּעלע, איך וויל נאר נישט זיין דער איינציגער אידיאָט, וואָס איהר האָט אומנויטיג דריי א זייגער ביינאכט ארויסגעשלעפּט פון בעט!!

---

## א גט־סצענע

### אין לאדזער בית-דין־שטיבעל

רב (צום עדות) דו ביזט געווען ביי דער אַוואַנ־טורע פון אָנהויב אָן?

עדות: יאָ.

רב: ווען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען?

עדות: מיט צעהן יאָהר צוריק.

רב: וואָס רעדסטו? ביזט חסר דעה?!

עדות: ניין, רבי, איך בין נישט חסר דעה, איך ווייס וואָס איך רעד, טאַקע היינט צעהן יאָהר בין איך געווען אויף זייער חתונה, און טאקע דאַ־מאָלס האָט עס זיך אָנגעהויבען.

---

## 48 זאכען

אין קאָמיסאריאט קומט אריין א ייד, וואָס מ׳האָט איהם בעגנבעט אויפ׳ן טראמוואַי.

— וואָס האָט מען ביי אייך צוגענומען?

— 48 זאַכען.

— וואָס רעדט איהר?

— יאָ, א זלאָטי אין 5־ער גראשענס (20 שטיק). א מחזור פון דריי יום־טובים. 5 וועזוואַניעס פון אויזשאָנד. 10 פראָטעסטירטע וועקסלען, 6 אַנ־פאמני׳ן נייעס פון דער עלעקטראווניע און 65 בע־צאָהלטע מאנדאטען פאַר שטעהען אויף פיעטרקאָווער גאס.

---

## דער דאקטאר האט געטראפע?

— די הערסט, מאַטעל, מיט צעהן יאָהר צוריק האָט מיר א דאָקטאר געזאָגט, אַז אויב איך וועל נישט אויפהערען צו טרינקען בראנפען, וועל איך ווערען אַנ׳איריאָט.

— נו, פאַרוואָס האָסטו איהם נישט געפאָלגט?

---

## א זוהן געפינט שויז

### אַז מ׳זוכט — געפינט מען

— פאַניע קנאקמאַנדעל, וואָס זעהט איהר אזוי שלעכט אויס, איהר זענט קראַנק?

— אָבער נאָך ווי קראַנק — איך בין חרוב!

— אזוי? וואָס איז אייך?

— וואָס פאַראַ קרענק האָב איך נישט? נער־ווען, קאָקלוש, מאָזלען, דיפטעריט, גריפּע, נירען, סקלעראזע, צוקער, א. אז. וו.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אז איהר האָט די אלע חולאת׳ן?

— וואָס הייסט פון וואנען? איך האָב דאָך א זוהן — א דאָקטאָר!!..

---

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: זעה, טרייטעל, וואָס די צייטונגען שרייבען וועגען מיר.

טרייטעל: וואָס שרייבען זיי?

פייטעל: נאָ, לייען, אין לאָדז זענען דאָ אַני־ערך 300 טויזענד קבצנים, און איך בין איינער פון זיי!!

---

## א קיילעכדיגע יתומה...

אויב ס׳איז טאַקע אמת, אז דער פאָטער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע איז שלום, און די מוטער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע איז דעמאָקראטיע, איז אויף דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע א גרויס רחמנות... ווייל זי איז געבליבן א קיילעכדיגע יתומה...

---

## נישטא פארוואס

א דעלעגאציע פון אַ סוחרים־פעראיין איז גע־קומען צום פינאנץ־מיניסטער דאַנקען פאר דעם שענקען די „זאלעגלע פאַ. אַטקעט“. דער מיניסטער האָט אויסגעהערט דעם דאנק פון דער דעלעגאציע און געענטפערט:

— ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס

— דער מיניסטער איז גערעכט — האָט איינער פון דער דעלעגאציע געענטפערט.

---

## די בוי־בעוועגונג

ביים בויען א נייע הויז, איז איינגעפאַלען א וואַנד, ווען דער אייגענטימער איז געקומען אויפ׳ן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע, פרעגט ער איינעם פון די ארבייטער:

— דער אינזשיניער ווייסט שוין פון דער קאטאסטראָפע?

— איך רעכען אז יאָ, ווארום ער ליגט דאָך דאָ אונטער די גרוזעס — האָט דער ארבייטער גע־ענטפערט.

---

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאלקסבלאַט“ נומער 25 — פרייטאג, דעם 29 יאַנואַר 1937

## א מיטעל געגען בעלי־חובות..

ראַ איז גריפּע



